# אַ בוך וואָס קעמפט קעגן מלחמה

אַ סך ביכער זיינען די לעצטע יאָרן דערשינען, וואָס באַהאַנדלען די מלחמה.

כמעט אַלע ביכער שילדערן דעם קריג מיט אַזעלכע פינצטערע און גרויזאַמע פאַרבן, אַז דער לעזער גייט אַוועק אַ דערשראָקענער. אין טויטאַנגסטן פרעגט ער זיך אַליין: ווי אַזוי האָט אין משך פון יאָרן אַ גאַנצע וועלט געקאָנט זיין אַזוי צעיושעט און מענטשן־פרע־סעריש? און נישט בלויז שרעק באַהערשט דעם לעזער, בעת ער לייענט אמת־קינסטלערישע מלחמה־ווערק, אויך ווילדער כעס גרי־זשעט זיין הארץ, און אַ קללה רייסט זיך פון זיינע ליפּן, אַ קללה קעגן די פּאָליטיק־מאַכנדיקע תלינים, אַ קללה קעגן די „גוזעצלעך"־האַנד־לענדיקע, שיין־און גלאַטיק־ריידנדיקע, דיפּלאָמאַטישע ברידער־מער־דער, וואָס גייען אָנגעטאָן אין פראַק און צילינדער און רעגירן מיט פעלקער און לענדער.

אָבער אַזעלכע ביכער רופן אַרויס כעס נישט נאָר אויף די רע־גירער, נאָר אויך אויף יענע, מיט וועלכע מען רעגירט, נישט נאָר אויף די פירער, נאָר אויך אויף יענע, וואָס לאָזן זיך אַזוי „גוט" מדריך זיין, דערוועקט זיך אַ צאָרן. די, וואָס פירן צום שלאַכטפעלד, זיינען שוחטים, אָבער יענע, וואָס לאָזן זיך אויסקוילן, זיינען אָקסן...

און אַ סברא, אַז פאַר דער קאַטאַסטראָפע, וואָס רופט זיך „וועלט־קריג", זיינען די לעצטע נאָך אפשר מער פאַראַנטוואָרטלעך ווי די ערשטע. ווי זאָגט דער באַרימטער דייטשישער פאָעט פראַנץ ווערפעל: „נישט דער מערדער איז שולדיק, נאָר דער דערמאָרדעטער"...

און דאָ קומען מיר צו אַ פּונקט, וואָס מוז אַרויספירן אויף נישט זייער פריילעכע מחשבות בנוגע די דיקטערישע ווערק, וואָס האָבן גענומען פאַר אַ סוזשעט די מלחמה.

כמעט אַלע זיינען זיי דערשינען נאָך דער מלחמה, ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרענדיקט, די טויטע זיינען שוין געווען אין די קברים, די לעבנגעבליבענע האָבן זיך שוין געהאַט צוגעמאַכט אַ הילצערנעם פוס, אָדער זיינען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעהאַנגענע אַרבל פון פּאַל־טאָ, ווייל עס האָט זיי געפעלט אַ האַנט, אָדער האָבן „געקוקט" אויף גאָטס וועלט מיט ווילדע שוואַרצע לעכער פון אויסגערונענע אויגן, אָדער מיט אַ האַלב אָפּגעברענטן פּנים, אָדער מיט אַ קאָנוואולסיוו אויס־געדרייטן מויל.

דאַן ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, אין שטעט די מויערן פאַרברענט, אויף פעלדער די תבואות פאַרניכטעט, פרויען האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט האָפן אויפן צוריקקער פון די מענער, מאַמעס האָבן שוין נישט געהאַט קיין כוח צו וויינען נאָך זייערע זין, קליינע קינדער האָבן שוין געהאַט פאַרגעסן ווי זייערע טאַטעס האָבן אויס־געזען — דעמאָלט, שוין נאָך אַלעמען, האָבן זיך באַוויזן די קריגס־ביכער.

אָבער פריער, בעתן רעכטן פייער? פריער האָבן די זעלבע שרייַ־בער געשוויגן. נאָך ערגער, זיי האָבן נישט געשוויגן, נאָר גערעדט אויף דער אייגענער משוגענער שפּראַך, וואָס אַלע מיליאָנען זינגען „קעמפער". זיי זיינען אַליין געווען אויפן פראָנט. די האַנט, וואָס האָט שפּעטער געשריבן קעגן מלחמה, האָט פריער געהאַלטן אַ ביקס און אַליין געמאַכט די מלחמה.

פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן עס נישט געטאָן מיטן גוטן ווילן;

פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן זיך געלאָזט מאַכטלאָז מיטשלעפּן מיט דעם אַלגעמיינעם שטראָם. אָבער... אָבער...: ווען דער דערפאָלג פון, לאָמיר אָנכאַפּן, רעמאַרקס בוך, „אויפן מערב פראָנט קיין נייעס", זאָל קומען נישט אין די לעצטע יאָרן, נאָר ווען דער אייגענער דערפאָלג מיט די מיליאָנען לעזער זאָל האָבן געווען צווישן די יאָרן 1914־1920. ווער ווייסט?... אפשר וואָלט דער גאַנג פון די געשעענישן פאַרט אויס־געזען אַביסל אַנדערש...

אָ, ווי באַדערפטיק זיינען בעתן קריג געווען קריגס־דיכטונגען, וואָס זאָלן זיין אויפריכטיק, קלוג, וואָס זאָלן קוקן מיט אָפענע אויגן און זיין פריי פון מיליטאַריסטישער עפּידעמיע!

אָבער, ליידער, זיינען זיי אין יענער צייט דערשינען אַזוי זעלטן. דאַרפן טאַקע אָט די דאָזיקע זעלטענע דערשיינונגען באַזונדער, גאַנץ באַזונדער ווערן אויסגעטיילט. און אָט טאַקע וועגן אַזאַ בוך וויל איך דאָס מאָל ריידן.

סטעפאַן צווייגס „ירמיהו"

די ערשטע אויסגאַבע פון דעם בוך איז דערשינען אין 1917, גע־שריבן איז עס געוואָרן אין די יאָרן 1915־17.

אין דער יידישער טראַגעדיע פון חורבן ירושלים האָט דער דיכטער געפונען שטאָף צו פאַרקערפּערן דעם געראַנגל צווישן דעם מענטש, וואָס האָט ליב זיין פעלד, זיין קינד, זיין ברודער־מענטש, און צווישן דעם אַנדערן מענטש, וואָס קאָן ביי יעדער געלעגנהייט פאַרגעסן זיין נאַטירלעכן דראַנג נאָך פרידלעכן ברויט, נאָך שטילן גליק און ווערן ווילד, בלוט־דורשטיק און אַרויסוויזן זיינע וועלפישע ציין.

דאָס פאָלק דערוויסט זיך, אַז דער יידישער קעניג צדקיהו גייט שליסן אַ בונד מיט דעם קעניג פון מצרים קעגן נבוכדנצר דעם מלך פון בבל, און אַז די יידן וועלן איינציכן דערקלערן קריג דעם לאַנד בבל.

ווי אַזוי נעמט אויף דאָס פאָלק די ידיעה וועגן דער אָנקומענדיקער שחיטה?

די בשורה פון די גרויסע געשעענישן האָט די בירגער אַרויסגע־

יאָגט פון די שטילע היימען. זיי שטייען אויף דעם גרויסן פּלאַץ אין ירושלים פאַרן קעניגלעכן פּאַלאַץ און ווילן זיך דערוויסן איינצלהייטן.

פאַר דער זיילן־גאַלעריע פון פּאַלאַץ, אויף דער גאַס און אויף די שטאַפּלען איז אין אַ כאַאָטישן מישמאַש פאַרזאַמלט דאָס פאָלק פון ירושלים, אַ פאַרשידנאַרטיקער, צעטראָגענער המון פון מענער, פרויען און קינדער, אָנגעשטרענגט אין אַן אַלגעמיינער דערוואַרטונג. אין המון הערן זיך אַ סך קולות. און אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער דיאַלאָג אין צווייטן אַקט בשעת דער עלטסטער איבער די קריגס־לייט, אַבימלך, איילט אין פּאַלאַץ צום קעניג:

ב ר ו ך: לאָמיר אים נאָכגיין. לאָמיר אים נאָכגיין! זאָל דער קעניג אונדזער קול הערן. זאָל ער דערהערן אונדזער ווילן פאַר זיין פּאַלאַץ.

ז ב ו ל ו ן (זיין פאָטער): איך זאָג מיך אָפּ פון דיר, אויב דו וועסט נישט שווייגן. רואיקייט מוז זיין אַרום דער באַראַטונג.

ב ר ו ך: ער באַדאַרף נישט באַראַטן. זאָל ער באַשליסן מלחמה! מיר אַלע ווילן מלחמה.

ש ט י מ ע ן: יאָ, מיר אַלע... מיר אַלע...

אַ ש ט י ם: ניין, איך וויל נישט קיין מלחמה...

ש ט י מ ע: שווייג!... אַן אונטערגעקויפטער... ווער ביסטו?...

ד ע ר ר י י ד נ ד י ק ע ר: אַ פּויער בין איך, און נאָר אין פרידן בליט מיין פעלד. מלחמה אָבער צעטרעט מיר דעם אַקער! איך וויל נישט קיין מלחמה, איך וויל נישט!

ב ר ו ך (ווילד): שאַנד אויף דיין קאָפּ! פאַרפוילט זאָלסטו ווערן אויף דיין פעלד און דערשטיקט מיט דיינע תבואות! ישראל איז אונדזער אַקער און מיר וועלן אים פרוכטבאַר מאַכן מיט אונדזער בלוט פאַר דעם איינציקן גאָט.

ד ע ר ר י י ד נ ד י ק ע ר: טאָ שטאַרב דו און מיך לאָז לעבן. איך האָב ליב די ערד, אויך זי איז פון גאָט, און ער האָט זי מיר אָוועקגעגעבן.

אַט די פויער־שטים, דאָס איז די שטים פון דער ערד, וואָס איז איביק אין איר טיפער זעליקייט, איביק אין איר שטילער ברכה, איביק אין איר לעבן־ברענגענדיקייט; דאָס איז די שטים פון דאָס איביק מענטשלעכע, וואָס איז צוגעבונדן צו דער נאַטור, צו דער ערד און פילט דעריבער אַן עקל צו יעדן אונטערהעצער, צו יעדן פינצטערן אַגיטאַטאָר, צו יעדן כלומרשטן „פאַטערלאַנד־פאַרטיידיקער", צו יעדן פאַלשן נביא.

יאָ, דער פאַלשער נביא; אויך דער פאַרביטערטער קאַמף צווישן אים, דעם פאַלשן פאָלקס־דערליזער, און צווישן דעםווירקלעכן פאָלקס־פריינט, דעם אמתן נביא, שטייט אין צענטער פון סטעפאַן צווייגס דראַ־מאַטישער דיכטונג.

די אָנהענגער פון קריג שרעקן זיך פאַר די אַנטי־מלחמה־שטימען. זיי ווייסן, אַז דאָס איז אַנשטעקנדיק. די מאַסע קאָן אָנהייבן צווייפלען אין דעם „גליק" פון אוועקגעבן דאָס לעבן פאַר דעם פרייז פון ווערן אַ נאַציאָנאַלער העלד... און זיי, די קריגס־פרעדיקער פון אַלע פעלקער און פון אַלע צייטן, האָבן פיינט וואַקלענישן. מלחמה מוז געמאַכט ווערן מיט ברען, מיט אימפעט, מיט גרויסע, שטאַלצע און ריטערלעכע לאָזונ־גען. און זיי זוכן העלפער, אונטערשטיצער אין זייער הייליקער אַר־בעט. לויפן זיי צו די מבשרים, צו די כהנים, צו די נביאים, אַז די דאָזיקע זאָלן צעפלאַקערן די הערצער פון פאָלק, אַז דאָס פאָלק זאָל האַלטן פאַר אַ מצוה, אַז מען פירט עס צו דער שחיטה.

און זיי געפינען טאַקע אַ גרויסע הילף אין דער פערזאָן פון דעם נביא השקר חנניה, און חנניה גייט צום פאָלק און דערציילט, אַז גאָטס שטים ברויזט אין אים, ווי אַ ים שוימט זי שטורמיש אים צום מויל, און אַזוי טוט זי קלינגען צו די יידן: „שטיי אויף, ישראל, גורט אָן דיינע לענדן, נעם אונטער פאַנצער און שפיז, וואָרעם אשור איז דיין געפאַנג און בבל דיין רויב. איך האָב דיר אין דיין וואָפנטאַש פיילן געלייגט, וואָס פאַרפעלן נישט דעם ציל, און מיט שפיזן דיך באַוואָפנט, וואָס ווערן קיינמאָל נישט צעבראָכן. שטויס אָפּ די, וואָס ווילן דיך

אַפּריידן, פּאַרטיליק די, וואָס ווילן דיך אָפּהאַלטן, הער נישט די שוואַכ־מוטיקע".

אַלזאָ, מען דאַרף נישט פאָלגן די צווייפלער, מען דאַרף זיך נישט צוהערן צו יענע, וואָס באַגרייפן נישט, וואָסערע ישועות עס קאָנען אַרויסקומען פון חיהשן האָס און בלוט־פאַרגיסונג. נישט זוימען, נישט וואַרטן, נאָר שנעל „זאָל שאַלן די טראָמפּייט און זאָל צעקלינגען זיך דאָס כלי זיין".

אָט אַזוי זעט אויס דער פאַלשער פּאַטאָס פון דעם פאַלשן נביא, וואָס ענטפערט דערויף ירמיהו הנביא ?

„זאָגט מיר, ברידער מיינע : איז מלחמה אַזאַ ווערטפולע זאַך, וואָס איר לויבט זי אַזוי ? איך אָבער זאָג דיר, פאָלק פון ירושלים, אַ בייזע און בייסיקע חיה איז מלחמה. זי פרעסט אויף דאָס פליייש פון שטאַרקן און זויגט אויס דעם מאַרך פון מעכטיקן. עס קאָן זי שוין נישט איינשלעפערן יענער, וואָס וועקט זי אויף, און ווער עס ציט אַרויס זיין שווערד, קאָן לייכט אַליין פאַלן אויף איר".

איר הערט, ווי ירמיהו הייבט אָן : „איז מלחמה אַזאַ ווערטפולע זאַך א. א. וו." אָט אַזוי איינפאַך, שטיל, תמימותדיק, מיט ליבשאַפט צום פאָלק, מיט אויפריכטיקער געטריישאַפט צו אים. די נבואה באַנוצט זיך אָפט מיט איינפאַכע ווערטער. דער אמת איז פשוט ! און פשוט זיינען אויך די וויטערדיקע פראַגן ירמיהוס :

„פאַרוואָס רופט איר צו מלחמה, איר מענער פון ירושלים ? האָט איר אייערע זין דערצויגן פאַר מאַרד און אייערע טעכטער פאַר שאַנד ? זיינען אייערע הייזער געבויט פאַרן פייער און אייערע מויערן פאַר צעשטערונג ?"

אָבער ווער וועט אים הערן אין אַ צייט פון אַלגעמיינער צעמישונג ? גאַנץ ירושלים איז אַרומגעכאַפּט מיט אַ רויכיקער, שטיקנדיקער אַגי־טאַציע. אַלע גייען אַרום ווי פאַרטשאַדעט. אין די מוחות פון די בירגער איז אַ נעפּל. קיינער איז נישט אימשטאַנד אויפצונעמען אַ קלאָר, פאַרשטענדלעך וואָרט. ווערט טאַקע דער נביא פאַרשריגן ווי

אַ פאַררעטער, ווי אַן איבערגעקויפטער פון בבל. עס פעלט נישט קיין סך, מען זאָל אים דערהרגענען; יעדנפאַלס וועגן פאַלגן אים קאָן שוין קיין רייד נישט זיין. מען לאָזט אים נישט צום וואָרט קומען.

אָבער ירמיהו קאָן נישט שווייגן, וויל נישט שווייגן. אין אים שרייט ירושלים. איר אייגן בלוט שרייט אין אים, אַז עס זאָל נישט פאַר־גאָסן ווערן, אירע מויערן, אַז זיי זאָלן נישט חרוב ווערן, און איר נאָמען, אַז ער זאָל נישט אונטערגיין! אָבער ירושלים הערט נישט דאָס קול פונעם וואָרנער; דאָס פאָלק הערט נישט ירמיהון, באַגרייפט נישט זיין ליבשאַפט, וואָס איז פול מיט שרעק, און זיין שרעק, וואָס איז פול מיט ליבשאַפט. מען הערט אים נישט, ווען ער שרייט איבער די גאַסן:

„היט דעם פרידן! היט דעם פרידן!"

ירמיהו זעט דעם גרויסן חורבן, וואָס אַ מלחמה מוז אומבאַדינגט ברענגען. ער קאָן נישט רוען בייטאָג און שלאָפט נישט אין די נעכט, ער זעט אַזעלכע שרעקלעכע וויזיעס, אַז אימה און פחד באַפאַלן אים, אַ ציטערניש נעמט אים אַרום. ווי אַ געשפּאַלטענער מויער פאַלט איין זיין האַרץ. ער זעט זאַכן, וואָס אַז זיי זאָלן שטיין אויפגעשריבן, וואָלטן זיך ביי מענטשן אויפגעשטעלט די האָר, און דער שלאָף וואָלט ווי שטויב פאַרשוואונדן פון זייער פנים, און אַז ער דערציילט דאָס אַלץ — ווען ער דערציילט, אַז ער האָט געזען אין חלום, אַז „דער סוף קומט אָן, דער סוף..." — ענטפערט מען אים: „אַוועק מיט די בעלי־חלומות און חלומות־באַשיידער, וואָכנדיקע באַדאַרף מען איצט".

און די „וואָכנדיקע" זיינען דאָ. עס איז דאָ פשור, ס'איז דאָ נחום, ס'איז דאָ אַמרי, ס'איז דאָ אבימלך, ס'איז דאָ חנניה.

און זיי אַלע שמועסן איין דעם פאָלק, אַז דער איינציקער אויס־לייז פאַר ייִדן, די גרעסטע פרייד, כבוד און רום קאָן נאָר דערגרייכט ווערן דורך מלחמה, ווייל „ישראל וועט קיינמאָל נישט באַזיגט ווערן אַזוי לאַנג ווי גאָטס שטערן לייכטן. אָבער אויב מיר וועלן אַרויסציען

צוזאַמען מיט מצרים, וועט אין דריי חדשים אַרום בבל זיין אין אונדזערע הענט״.

און דאָס פאָלק גלויבט בלינדערהייט. ווייל די, וואָס זאָגן עס, פּילן דאָך אויס די גרעסטע אַמטן פון פאָלק. איינער איז אַ כהן גדול, אַ צווייטער — דער פּאַרוואַלטער, אַ דריטער — דער שר איבערן מי־ליטער, אַ פערטער — דער „נביא״ פון פאָלק א. א. וו. הערט די מאַסע די פאַרזיכערונג, אַז „אין דריי חדשים האָבן מיר אַ געוויסן זיג״, און זי יובלט מיט פאַרשכורטע געשרייען אַלס ענטפער, און עס הערן זיך די נצחון־שטימען פון די בירגער:

„אין דריי חדשים... הערט... אין דריי חדשים... נידער מיט ירמיהון!... זאָל ער שווייגן״...

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן באַ־שיינפערלעך, אַז גערעכט זיינען געווען נישט די „הייסע פּאַטריאָטן״, נאָר טאַקע ירמיהו. אַלץ איז געוואָרן אויסגעמאָרדעט, אויסגעשאָכטן, פאַרוויסט, פאַרברענט, עס איז געקומען „דער סוף״. אָבער ווען מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט, ווער ס׳איז באמת גערעכט, איז שוין געווען צו שפּעט...

* * *

סטעפאַן צווייגס דראַמאַטישע דיכטונג „ירמיהו״ איז אַ בוך פון קאָלאָסאַלן פאַרנעם, עס האָט אוימגעהויערע חשיבות צוליב צוויי זאַכן: ערשטנס צוליב זיינע פּרעכטיקע, גראַנדיעזע סצענעס, צוליב זיינע אָרי־גינעלע דיכטערישע איינפאַלן, און צווייטנס צוליב זיין אַקטועלקייט. די קאַנווע איז בלויז אַ היסטאָרישע. אָבער די גאַנצע האַנדלונג און די דיאַ־לאָגן זיינען גוט צוגעפּאַסט פאַר אונדזער עפּאָכע. זאָלן דינען אַלס באַווייז באַטש די עטלעכע שורות:

„אַ צייט קומט אָן, ווי ס׳איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין ישראל, און אַ מלחמה, ווי נאָך קיינמאָל אויף דער ערד! אַ צייט וואָס די לע־בעדיקע וועלן מקנא זיין די טויטע מיט זייער שלום אין קבר און די זעעוודיקע — די בלינדע מיט זייער פינצטערניש״.

אַפּנים דעם דיכטער איז טאַקע געגאַנגען, דער עיקר, צו געבן דעם

שפּיגל פון אונדזערע טראַגישע לעצטע יאָרן, און אויב ער האָט דערצו אויסגעוויילט אַ מאָטיוו פון צוויי טויזנט יאָר צוריק, איז עס מסתמא געווען צוליב מורא פאַר אַ „גוט אויג״ פון דער צענזור. אָבער די דאָזיקע מורא האָט ווייניק געהאָלפן. די מיליטערישע צענזור האָט גאַנץ גוט דערשפּירט, אין וואָס דאָ האַנדלט זיך, און זי האָט שטרענג פאַרבאָטן צו פאַרשפּרייטן דאָס בוך.